# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

זכות הדפסת הגליון
מרת מרים לאה צפורה לע"נ
ב"ר שמואל ע"ה



**ברגשי אהבה משגרים אנו בזה ברכת מזלא טבא**

למע"כ ידידינו העומד תמיד לצידינו בכל עת ועונה ומו"מ לשבח ולתהלה
רודף צדקה וחסד בנש"ק כש"ת הר"ר **שלמה ווייס** שליט"א
לרגל ארוסי בנו הבה"ח המופלג שיחי' עב"ג הכלה החשובה שתחי'
ומי שברך אבותינו הוא יברך אותו וכל ב"ב שיחיו
שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח וכט"ס


## פריסטיק, פוילן - ביה"ח החדש

מרבני העיר רבינו הגה"ק רשכבה"ג **רבי ר' מנחם מענדל מרימנוב** זי"ע

ולאחריו שימשו ברבנות: הגה"ק רבי **יצחק לייב וואגשאהל** זי"ע (מנו"כ ביה"ח הישן) / ובנו הגה"ק רבי **יחיאל** זי"ע (בביה"ח החדש) / נכדו הגה"ק רבי **ישראל** זי"ע (ביה"ח החדש) / הגה"ק רבי **מנחם מענדיל האלבערשטאם** זי"ע [אבי הגה"ק **מ'קאלאשיץ** זי"ע] ( ביה"ח החדש) [בהגה"ק ר' **ארי' לייבוש מ'דוקלא** זי"ע בהגה"ק ר' **דוד'ל מ'קשאנוב** זי"ע בן מרן רביה"ק רשכבה"ג **בעל דברי חיים מ'צאנז** זי"ע]

•••

בס"ד איז אינטערגענומען געווארן - נאך לאנגע יגיעות פון חשובע פערזענלכקייטן - די הייליגע פראיעקט פון הצלת ביה"ח החדש בעיר פריסטיק, ובהאי שתא יזכרו לטובה ולברכה העסקנים הדגולים בראשות **כ"ק אדמו"ר משינאווע ובניו החשובים שליט"א** פאר זייערע גרויסע פעולות ובפרט להצלת ביה"ח הישן, ויוושעו עם כל מילי דמיטיב. אצינד ווערט געמאכט גרויסע אנשטרענגונגען מברר צו זיין די פונקטליכע גבולות כדי צו קענען זאפארט אנהייבן מיטן בנין הגדר להצלת הביה"ח, וחפץ ה' בידינו יצליח.

**פאלגענד איז א טיילווייזע רשימה פון די חשוב'ע קאמיטע רבנים ואנשי שם שליט"א וואס ווערט יעצט פארמירט:**



### לאנדאן

הרה"ג ר' **נפתלי פנחס ענגלענדער** שליט"א
מו"ץ בהתקה"ח לאנדאן יצ"ו
ר' **משה אלימלך שטערן** הי"ו
ר' **אלעזר יוסף דייטש** הי"ו
ר' **מיכאל יודא לעברעכט** הי"ו
ר' **יושע עוזר ריינער** הי"ו
בהשתדלות האברכים היקרים
ר' **יוסף שאהנוואלד** הי"ו
ר' **שמעון פלאהר** הי"ו

### ארה"ב

הרב **אלטר וואגשאהל** שליט"א
הרב **מנשה וואגשאהל** שליט"א

עס איז ערווארטעט אז אחבנ"י וועלן זיך משתתף זיין בלו"נ אין די געוואלדיגע זכות.

**והקדושים אשר בארץ המה יליצו טוב בעד כל העוסקים ומסייעים להוושע בחיי נחת וכט"ס.**

## סיון תשע"ד פאקטן און ציפערן

**209**
פארענדיגטע פראיעקטן

**35**
אנגייענדע בוי פראיעקטן

**107**
אנגעשלאסן אין מעינטענענ"ס

**623**
ביה"ח ווי אבותינו איז אקטיוו

צו ערהאלטן די באריכטן פון אבותינו'ס אקטיוויטעטן און די 623 ביה"ח ביטע שיקט אן אימעיל צו: hfpjc@thejnet.com

## #3 הערות והארות

**המטרה:** קלארשטעלן פארשידענע פראגעס און עפיזאדן פונעם עבר לתועלת העתיד.

**פראגע:** איך זעה אפט מאל מעלדונגען אינ'ם בולעטין וועגן די פעולות און דערגרייכונגען פון "**מערכת זכרון אבותינו**", וואו אלע מצבות פונ'ם ביה"ח ווערן פאטאגראפירט און דאקומענטירט מיט א געוואלדיגע קלארקייט. ווי איך פארשטיי, מאכט "אבותינו" נאר א "זכרון אבותינו" ביכל נאך וואס די ביה"ח איז גענצליך מתוקן. וואס איז די תועלת פון די מערכת? פארוואס פעלט אויס זיך צו אנשטרענגען און אהערשטעלן אזא זאך, ווען די ביה"ח איז שוין אזוי אויך אהערגעשטעלט בכבוד הראוי?

**ענטפער:** אמת אז "**זכרון אבותינו**" איז א זייטיגע פונקציע פון די ברייט-פארצווייגטע ארבעט, וויבאלד דער ציל איז דאך צו ערפילן די חוב פון אפהיטן און אויפהאלטן די בתי חיים, און דאס ווערט אויסגעפירט דורך בויען א שטארקע גדר ארום דעם ביה"ח, פאררעכטן די מצבות און אהערשטעלן א מעינטענענ"ס. מיט דעם אלעם, איז דער מערכת שטארק וויכטיג צו פאראייביגן די אומשאצבארע אינפארמאציע פון די נפטרים, פון וואו די אייניקלעך קענען פעסטשטעלן די ריכטיגע מקום מנוחת כבודם און אנדערע וויכטיגע פרטים פון זייערע חשוב'ע אור-עלטערן.



די פארגאנגענע וואך האבן מיר געהאט א התרגשות'דיגע איבערלעבעניש פון דעם סארט. נאך א באזוך אויף קברי אבות, האט זיך די משפחה פון הרב החסיד ר' יוסף הערש וויינשטאק שליט"א געווענדן צו "אבותינו" אנטוישט אז זיי האבן נישט געקענט אויסלייגען די יארצייט פון די באבע'ס מציבה, האשה הח' **מרת אסתר חי'** ע"ה, אשת החסיד המפורסם **ר' שלמה סופר ז"ל**. "אבותינו", וועלכע האט געמאכט א פולקאמע ליסטע פון די מצבות בשנת תשס"ח, וואס דאן איז די מציבה נאך געווען היבש קלארער, האט געהאט די אינפארמאציע צו די האנט. בתוך הדברים, האבן זיי אויסגעדריקט וויטאג אז טראץ די פילע זוכעניש, פארברענגנדיג א לאנגע צייט אינ'ם ביה"ח, זעט נישט אויס אז ס'איז נאך דא א מציאות צו געפונען די מציבה פונ'ם חשוב'ן זיידן. א קורצע איבערבליק האט אבער ארויסגעוויזן אז "אבותינו" האט געהאט די מציבה אויף די ליסטע, מיט א קלארע בילד דערצו. ס'איז שווער צו באשרייבן די שמחה פון די משפחה ביים דערהאלטן אזא אוצר!

די גרויסע דערגרייכונג פון די **209** בתי חיים מתוקנים שע"י אבותינו, וועלכע זענען איבערגעבויט דורך די געטרייע יוצאי עיר, ווערט נאכגעפאלגט מיט א גרויסע התעוררות זיך אנצושליסן אין די עבוה"ק און ווערן א טייל פון די חכם לב יקח מצות.
דעריבער וועלן מיר אין דעם קאלום פרובירן קלארצושטעלן פארשידענע וויכטיגע פונקטן לתועלת מלאכת הקודש, צו העלפן די וואס ווילן פארפילן זייער פליכט לגבי שמירת קברי אבות.

- ענטפערס אויף אפטע פראגעס
- זהירות נישט צו גורם זיין א שאדן צו די עבוה"ק
- פראקטישע הערות, וכדו'.


נתפרסם לע"נ
דבורה רעכיל ב"ר
מרדכי יודא ע"ה